1930

וועטער:
קלאר — קאלט

The Only Jewish
Newspaper in
Western Canada
Established 1910.
Published
DAILY

דאס אידישע ווארט

THE GATEWAY OF THE WEST

THE ISRAELITE PRESS

זון אויפגאנג — 8.20
זון אונטערגאנג — 4.57

די איינציקע אידישע
ציטונג
אין מערב קאנאדע
עטאבלירט אין 1910
דערשיינט
יעדן טאג

Vol. 20, No. 13. Winnipeg, Friday Jan. 17, 1930. Published daily except Saturday and Sunday. דערשיינט יעדן טאג חוץ שבת און זונטאג פרייטאג יז' טבת, תר"ץ.

אנפירער פון האמליער פאגראם אין 1906 פאר'משפט צום טויט

22־טע קאנאדער ציוניסטישע קאנווענשאן עפנט זיך זונטאג

מאנטרעאל, קווע. — דעם זונטאג, יאנואר 19טן, 10.30 פרי, עפנט זיך דא די 22טע קאנאדער ציוניסטישע קאנווענשאן.

דער סדר־היום פון דער קאנווענשאן איז

זונטאג. — 10.30 פרי, באגריסונג פון מעיאר הוד; פרעזידענטס אדרעס; נאמינאציע פון קאמיסיעס; באגריסונגען, טעלעגראמעס און מעסעדזשעס.

2.30 נ.מ., איבערבליק איבער טעטיקייטן, רבי זלאטניק; באריכט פון צענטראלער דיוויזיע, מר. געלבער; באריכט פון מערב דיוויזיע מר. העפנער; פינאנציעלער באריכט, מר. פיינבערג; באריכטן פון הדסה, יאנג דזשודיעאס און הבונים; באריכט פון מאנדאטן קאמיסיע, מר. דארווין; אלגעמיינע דיסקוסיעס.

7 נ.מ., הבונים באנקעט פאר דעלעגאטן.

9 נ.מ., אויפנאמע פאר דעלעגאטן, מאונט ראיאל האטעל.

מאנטאג. — פרימארגנדיקע זיצונג, פארזעצונג פון דיסקוסיעס; קאנסטיטוציאנעלע דיסקוסיעס; הדסה לאנטשעאן פאר הדסה דעלעגאטן.

נאכמיטאגדיקע סעסיע, בערנארד ג. ריטשארדס, דירעקטאר פון אמעריקאנער אידישן קאנגרעס; רעקאמענדאציעס פון רעזאלוציאנס קאמיטעט.

באגריסט קאנווענשאן



מ. מ. אוסישקין

מ. מ. אוסישקין שיקט צו ווארימע באגריסונג

מאנטרעאל, קווע. — מ. מ. אוסישקין האט צוגעשיקט די פאלגנדיקע באגריסונג צו דער 22טער קאנאדער ציוניסטישער קאנווענשאן, וואס עפנט זיך דא דעם זונטאג:

"מיינע טייערע פריינט; —

"איך רוף אייך פריינט, ווייל איך האב נאך ניט פארגעסן די וויניפעגער קאנווענשאן, וואו איך בין געווען ארומגערינגלט ניט בלויז מיט איבערגעגעבענע ציוניסטן, נאר אויך מיט געטרייע פריינט.

"צוויי מיט א האלבן יאר זיינען פארביי פון דעם טאג וואס איז אזוי טייער מיר, און איך גלויב אז אויך אייך. פיל פאסירונגען האט אונזער פאלק פון דאן אן דורכגעמאכט אין די פארשיידענע לענדער וואו עס געפינט זיך און באזונדערס אין ארץ־ישראל, וואוהין אלע אונזערע אויגן ווענדן זיך מיט בייגקשאפט.

"א סך פאזיטיווע דערגרייכונגען זיינען געמאכט געווארן אין די דאזיקע צוויי מיט א האלבן יאר, און צווישן די גרעסטע פון זיי איז די אויסלייזונג פון'ם הארץ פון עמק־השרון. די 48 טויזנט דונאם פון'ם צענטראלסטן און פרוכטבארסטן טייל פון'ם לאנד.

"עס איז ניטא קיין איין איד אין'ם ישוב, וואס זאל ניט אנערקענען די גרויסקייט פון דער דאזיקער דערגרייכונג, פון דעם דאזיקן גלענצנדן אקט פון די קאנאדער אידן אויף דער וויניפעגער קאנווענשאן. אייער נאמען, קאנאדער ציוניסטן, איז איינגעשריבן ניט בלויז אין'ם אפיציעלן בוך פון נאציאנאל־פאנד, נאר אויך אין'ם גאלדענעם בוך פון דער געשיכטע פון'ם אויפבוי פון ארץ־ישראל.

"באטש איך בין א סך טויזנטער מייל ווייט פון אייך, פיל איך זיך מיט אייך אין דער דאזיקער קאנווענשאן, און איך בענש אייך, אז אויך אויף דער מאנטרעאלער קאנווענשאן זאלט איר פארצייכענען אן אנגעזעענע אונטערנעמונג צו אייער קרעדיט פאר'ן אויפבוי פון אונזער פאלק און לאנד, ווי אין וויניפעג.

"אונזערע הימלען אין ארץ־ישראל זיינען פארצויגן מיט וואלקנס. די אווגוסט אטאקעס געצילט קעגן אונז און די מאראלע אטאקעס פון וועלכע מיר ליידן היינט פארוואלקענען אונזער הימל. פון דעסוועגן, מיינע פריינט, שיק איך אייך מיין ברכה; זאלן אייערע הערצער ניט ציטערן, — דאס פאלק ישראל איז פארהארטעוועט געווארן אין זיינע ליידן — עס האט באזיגט און טריאומפירט קעגן אלע אטאקעס אין דער געשיכטע, און אויך אין די פופציק יאר פון'ם אויפבוי פון'ם לאנד, וועלכע איך געדיינק אזוי גוט און וואו איך האב שטענדיק געקעמפט אין די פאדערשטע רייען.

"אין דער געשיכטע פון די יארן זיינען געווען שווערערע צייטן, און צום סוף האבן מיר טריאומפירט. אלץ הייננט אפ אן דעם גלויבן אין דעם ענדגילטיקן זיג. מיט אזא פעסטן גלויבן האבן מיר ניט וואס מורא צו האבן פאר דער צוקונפט. ניט דורך פשרות און שוואכקייטן וועלן מיר טריאומפירן, נאר בלויז דורך א פעסטן ווילן און אנטשיידענע פאדערונגען.

"איך געדיינק די גרויסע פאסירונג פון 27טן פעברואר, 1919, ווען איך בין געשטאנען פאר דער פאריזער פרידנס קאנפערענץ מיט דר. ווייצמאן און נ. סאקאלאוו, פאדערנדיק פון די פירער פון דער וועלט אז זיי זאלן אונז אומקערן דאס וואס מען האט ביי אונז אוועקגערויבט מיט צוויי טויזנט יאר צוריק, — אז זיי, די יורשים פון רוים, זאלן אויף זיך נעמען די דאזיקע מאראלישע פאראנטווארטלאכקייט.

"די פעלקער פון דער וועלט מוזן אפרייניקן דעם וועג פאר אונז, און דאן מוזן מיר זיך נעמען פאר דער בוי־ארבעט. נאך די לעצטע אנפאלן אויף אונז הויבן מיר ווידער אונזער שטימע און מאנען וואס עס קומט אונז, באזונדערס פון די בריטישע דאמיניאנס: קערט אונז אום אונזער ירושה, און פארוואנדלט ניט די באלפור דעקלאראציע אין זינלאזער און ווערטלאזער פאפירענער שמאטע.

"און נאך א זאך וויל איך צוגעבן: דער גרויסער רוף צווישן אלע טיילן פון אידנטום, רייך און ארעם, ציוניסטן און ניט־ציוניסטן, פרייע און געדריקטע, — דער קלארער רוף איצט מער ווי ווען פריער, מוז זיין: איילט זיך מיט דער אויסלייזונג פון'ם לאנד פון ישראל. אויב אונזער גאנצע ארבעט איז אין געפאר, איז עס דערפאר, ווייל דער באדן איז ניט אין אונזער באזיץ.

"אונזער לאנד איז אין געפאר, גאולה תתנו לארץ! לייזט אוים דעם באדן!

"און איר קאנאדער פריינט, וואס האט עס אזוי גוט פארשטאנען מיט צוויי יאר צוריק, איבט אוים אייער איינפלוס ניט בלויז אין קאנאדע, נאר אויף דער גאנצער אידישער וועלט.

"איך שיק אייך מיין ווארימסטע ברכה, באזונדערס צו אייער פרעזידענט, מר. א. דזש. פרימאן; צו דער הדסה פרעזידענטין, מרס. פרימאן, און צו מר. געלבער און מר. וואלאפסקי, וועלכע האבן געהאט די זכיה צו זיין די ערשטע קאנאדער צו באזוכן דאס לאנד וואס איר האט אויסגעלייזט.

"זאלט איר אלע זוכה זיין צו באזוכן דאס לאנד, און אנפאנגען זיין אויפבוי. און זאל די מאנטרעאלער קאנווענשאן ארויסווייזן זיך צו זיין א פארזעצונג פון דער וויניפעגער.

"מיט ציון גרוס, איבערגעגעבענסטער
אייערער,
מ. מ. אוסישקין".

געזעלשאפטלאכער קאלענדאר

פרייטאג, יאנואר 17

רבי הורוויץ: חומש מיט מפרשים, 8 אוונט, אין מושב זקנים.

שבת, יאנואר 18

"מאמעס און עלטערע טעכטער טיי" פון פראפאיסקער פאראיין ביי מרס. א. י. באראדיצקי, 418 אייקינס סט., 3 נ.מ.

הרב יצחק האפט: מדרש, 3 נ.מ., אין ליבאוויטשער שול. אויך גמרא יעדן מאנטאג און פרייטאג, 3 נ.מ.

זונטאג, יאנואר 19

טאנץ פון "גוירלס אקזילערי" פון מאונט כרמל קליניק, 8.30 נ. מ. אין ציון זאל.

געזעלשאפטלאכער אוו. פון יאנג קאמליג אין פרייהייט־טעמפל.

פארזאמלונג פון ליטווישן פרי לאאן, 2.30 נ.מ., אין נייער תלמוד תורה.

אלגעמ. פארזאמ. פון חברה לינת־הצדק, פונקט 2.30 נ.מ., אין נייער ת"ת רום 1.

טיי פון שפיטאל קאמ. פון כ. י. ס. ביי מרס. ווערדא, 259 מאניטאבא עוו. 2—12.

פארזאמ. פון אינד. בני־אברהם פרי לאאן 12 בייטאג, אין פרייהייט טעמפל.

פארז. פון ליידיס נארמענט ארב. סיק בענ. אסן., 3 נ.מ., אין פרייהייט־טעמפל.

10 פרי: צוזאמענקום פון זאמלער פון פאלקס געצייג קאמפיין, אין ד. א. ו.

8.30 אוונט: אלגעמיינע פארזאמלונג פון טוער פון פאלקס געצייג קאמפיין, אין "דאס אידישע ווארט" געביידע.

מאנטאג, יאנואר 20

דר. וויקטאר: "קינדער פארברעכער", ביי פארזאמלונג פון מוטער פאראיין פון פרץ־שול, 8.30 אוונט, אין שול.

אלגעמ. פארזאמ. און וואלן פון אינד. פרי לאאן, 8.30 אוונט, אין פרץ־שול.

ל. לעוויט ביי פארזאמ. פון כנסת ישראל סיסטערהוד, 8 אוונט, אין ת"ת

פארזאמ. פון מוטער פאראיין פון ת"ת, 8 אוונט, אין ת"ת.

דינסטאג, יאנואר 21

פארזאמ. פון יונגע פרויען סיסטערהוד 8.30 אוונט, אין י. מ. ה. א. זאל.

דזשא פארבי ביי ארבעטער יוגנט קלוב 8.30 אוונט, אין פרייהייט טעמפל.

מיטוואך, יאנואר 22

לייען קרייז פון מוטער פאראיין פון פרץ שול, 2.30 נ.מ., ביי מרס. ליפשיץ, 520 פריטשארד עווע.

איקאר פארזאמלונג, 8.30 אוונט, אין פרייהייט־טעמפל.

זונטאג, יאנואר 26

טיי פון פרויען פון אחדות־ישראל אין 572 באיד עווע, 2 ביז 12 נ. מ.

פינפטער יובילעי פון ליידיס אקז. רוד־מעגיען היב. סיק, 8.30 אוו. אין ציון זאל

טיי פון מאקאריווער סאסייטי אין 487 אלפרעד עווע, 2.30 ביז 12 נ.מ.

ה. י. ווילדער אפגעפארן צו קאנווענשאן

ה. י. ווילדער, פרעזידענט פון "דאס אידישע ווארט", ערן וויצע־פרעזידענט פון דער קאנאדער ציוניסטישער ארגאניזאציע, איז היינט פרי אפגעפארן קיין מאנטרעאל צו באזוכן די ציוניסטישע קאנווענשאן וואס עפנט זיך דארטן זונטאג.

מר. ווילדער וועט צושיקן באריכטן צו דער ציטונג פון דער קאנווענשאן.

(::)

באשטימט ריטורנינג אפיסער

י. ד. רוזען, גוט באקאנטער אידישער לאיער פון "רוזען און טאבייעס", איז פון דער פעדעראלער רעגירונג באשטימט געווארן צום אמט פון פערמאנענטן "ריטורנינג אפיסער" פאר נארד וויניפעג. לויט א מעלדונג פון אטאווא.

(::)

אידישער שאך קלוב געווינט ערשטן "מעטש"

דער אידישער שאך־קלוב האט נעכטן אוונט פארצייכנט א זיג קעגן אוקראינער קלוב מיט א טאטאל פון 9 צו 1. דער צווייטער "מעטש" וועט געשפילט ווערן קומענדיקן דאנערשטאג אוונט אין איילענדישן שאך־קלוב.

האנט פון גערעכטיקייט דערגרייכט דאווידאוון נאך 24 יאר

מאסקווע, יאנוו. 17 (איטא). — דער צורר היהודים איוואן דאווידאוו, וועלכער האט אנגעפירט דעם פאגראם אויף אידן אין האמעל, דעם דרייצנטן יאנוואר, 1906, איז אין היגן געריכט פאר'משפט געווארן צום טויט, און סערגעי מאקאסעווסקי און יעפים קאטשאנאוו, זיינע ארויסהעלפער, זיינען פאראורטיילט געווארן צו אכט און פינף יאר טורמע.

די דאזיקע דריי פאגראם אנפירער וועלכע זיינען ווארשיינלאך די גאנצע צייט געווען אוועק פון האמעל און האבן זיך איצט אהין צוריקגעקערט, זיינען דערקאנט געווארן פון האמלער איינוואוינער און זיי זיינען ארעסטירט געווארן.

ביים פראצעס וועלכער האט געדויערט זעקס טעג איז פעסטגעשטעלט געווארן, אז זיי זיינען געווען די אנפירער פון דער צאריסטישער פאגראם ארגאניזאציע (סאיוז רוסקאווא נאראדא) "פאראיין פון'ם רוסישן פאלק" — א שווארץ מאה'דיקע ארגאניזאציע וועלכע האט זיך הויפטזעכלאך אפגעגעבן מיט פאגראמירן אידן און מיט פארשפרייטן האס און שנאה דורך זייערע שווארץ מאה'דיקע פאסקווילן מיט זייערע טרויעריק־בארימטע קאריקאטורן וועגן אידן.

צווישן די פופציק אויסגעהערטע עדות ביים פראצעס, זיינען געווען זעקס אידן וועלכע האבן געליטן אין האמלער פאגראם מיט 24 יאר צוריק.

200 טויזנט דאלאר שריפה אין סאסקאטון

סאסקאטון, סאסק., יאנוו. 17. — צוויי געביידעס אויף סעקאנד עוועניו, אין וועלכע עס האבן זיך געפונען די "ארט קראפט סטודיא", מעקארטים יואווליר געשעפט, א ריל עסטייט אפיס און די סאסק. העט קלינערס — זיינען דא נעכטן אפגעברענט געווארן. דער שאדן ווערט אפגעשאצט אן ארום צוויי הונדערט טויזנט דאלאר. די סחורות אין די סטארס זיינען כמעט אינגאנצן פארברענט געווארן.

די פייערלעשער פון אלע סטאנציעס האבן שווער געארבעט אין פערציק אונטער נול פראסט ביז זיי האבן ענדלאך געקראגן דעם קאנטראל איבער דער שריפה.

הינע כלל טוער געבעטן צו שטיצן פרימאנס קאנדידאטור פאר'ן סענאט

א צאל אידישע כלל־טוער פון וויניפעג, איינשליסנדיק ה. י. ווילדער, פרעזידענט פון "דאס אידישע ווארט", האבן נעכטן געקראגן טעלעגראמעס פון מאנטרעאלער אידישע פירער, אין וועלכע זיי ווערן געבעטן אויסצואיבן זייער איינפלוס לטובת דער קאנדידאטור פון א. דזש. פרימאן פאר'ן סענאט.

די טעלעגראמעס זיינען געקומען אין פארבינדונג מיט'ן באריכט וועגן א אידישער דעפוטאציע וואס באזוכט היינט פרעמיער מעקענזי קינג, אין אטאווא, צו פארלאנגען די באשטימונג פון א אידישן פארטרעטער אין סענאט. עס ווערט מיט דער ארבעט באצוועקט צו פארזיכערן, אז אויב א אידישער סענאטאר וועט באשטימט ווערן, זאל עס זיין ניט א צופעליקער קאנדידאט, נאר אזא פערזאן ווי מר. פרימאן, וועמעס באשטימונג וועט באגריסט ווערן מיט דער גרעסטער צופרידנהייט פון אלע קאנאדער אידן.

הינע אידישע פירער, ווערט פארשטאנען, האבן טעלעגראפירט צו פרעמיער קינג, אויסדריקנדיק זייער ווונש, אז מר. פרימאן זאל קריגן אזא באשטימונג.

אראבישע ארבעטער קאנפערענץ האט אויך אנגענומען פאליטישע רעזאלוציעס

ירושלים, יאנוו. 16 (איטא). — די רעזאלוציעס פון דער אראבישער ארבעטער קאנפערענץ אפגעהאלטן אין חיפה זיינען נאר־וואס פארעפנטלאכט געווארן. זיי פאדערן א צענזוס פון ארבעטסלאזע און פרייע קליניקס, און באפולמעכטיקן די עקזעקוטיווע צו פארופן א גענעראל סטרייק ווען נויטיק. זיי האבן אויך באשלאסן ארויסצוגעבן אן אראבישע ארבעטער ציטונג און צו עפענען אוונט־קורסן פאר דערוואקסענע.

צווישן די פאליטישע רעזאלוציעס זיינען דא א רעזאלוציע צו העלפן דאס פאלק "אין אלע פראגעס וואס זיינען ניט קעגן די ארבעטער אינטערעסן און פרינציפן"; א פראטעסט קעגן קאלעקטיווע שטראפן; די פאדערונג פון פולער אומאפהענגיקייט פאר פאלעסטינע, אין די גרעניצן פון אן אראבישער פעדעראציע; צו באשרייניקן די איינוואנדערונג אויף וויפל זי איז ניט פראפארציאנעל מיט די אויפנאם־פעאיקייטן פון לאנד.

די קאנפערענץ האט אויך פראטעסטירט קעגן דעם בלומרשט'דיקן פארצוג וואס ווערט געגעבן צו אידישע ארבעטער קעגן אראבישע.

21 בתי־מדרשים קאנפיסקירט אין צוויי וואכן צייט

מאסקווע, יאנוו. 17 (איטא). — דער "עמעס", ארגאן פון די יעווסעקן אין מאסקווע האט אין א פול געדרוקטער זייט געווידמעט דעם אנטי־רעליגיעזן קאמפיין אין רוסלאנד, באריכטעט, אז אין פארלויף פון לעצטן מאנאט זיינען אין רוסלאנד קאנפיסקירט געווארן 21 בתי מדרשים — ארייננערעכנט פינף שולן אין האמעל און דריי שולן אין אומאן. נאך פערצן אפליקאציעס צו פארמאכן שולן זיינען צוגעשיקט געווארן צו דעם אנטי־רעליגיעזן קאמפיין קאמיטעט.

(::)

ארבעטער רינג קינדער גארטן קאנצערט

די ארבעטער רינג שול פירט דורך זונטאג דעם 9טן מארטש, 2.30 בייטאג, אין קווינס טעאטער, דעם יערלאכן קינדער גארטן קאנצערט. די קלובן ביי דער שול וועלן ביי דער געלעגנהייט אויפפירן שלום אש'ס "אנקל מאזעס" אין 3 אקטן. פריינטלאכע ארגאניזאציעס זיינען געבעטן צו האלטן פריי דעם דאטום.

פאריער קאנווענשאן אין מאנטרעאל נעמט אן ארץ־ישראל רעזאלוציע

מאנטרעאל, קווע., יאנוו. 16 (איטא). די קאנווענשאן פון דער פאריערס יוניאן וואס ווערט דא אפגעהאלטן האט היינט אנגענומען א רעזאלוציע וואס דריקט אוים א פראטעסט קעגן די אראבער פאר דעם מערדערלאכן איבערפאל אויף די אידן אין ארץ־ישראל, און סימפאטיע צום געדאנק פון א אידישן היימלאנד אין ארץ־ישראל.

די רעזאלוציע גיט אויך איר גוטהייסונג צו דעם געווערקשאפטן קאמפיין פאר ארץ־ישראל און פאר דעם געצייג קאמפיין פאר די דעקלאסירטע אידן אין רוסלאנד.

א צאל פאליטישע רעזאלוציעס זיינען אויך אנגענומען געווארן, איינשליסנדיק רעזאלוציעס פאר אן ארבעטער פארטיי אין אמעריקע, פאר פענסיע פאר ארבעטסלאזע און פאר דער אנערקענונג פון דער סאוועט רעגירונג פון די פאראייניקטע שטאטן.

קאופמאן, דער געוועזענער פרעזידענט, איז באגריסט געווארן מיט א גרויסער אוואציע. ער האט גערעדט וועגן דער צייט ווען די יוניאן איז געשטאנען ביים אפגרונט פון חורבן, און איצט איז זי אויפ'ן וועג צו קומען צו זיך. מיט פאראייניקטע כחות וועט די יוניאן ווידער דערגרייכן איר פריערדיקן גלאנץ, האט ער געזאגט.

ערשטע צוויי טויזנט דאלאר פאר דעקלאסירטע אפגעשיקט געווארן

דער היגער קאמיטעט פאר'ן פאלקס געצייג קאמפיין פאר די דעקלאסירטע אידן אין רוסלאנד האט נעכטן אפגעשיקט די ערשטע צוויי טויזנט דאלאר געזאמלט אין וויניפעג פאר דעם פאנד.

די זאמלונג גייט ווייטער אן, און עס ווערט געהאפט, אז אין משך פון די קומענדיקע פאר וואכן זאל אפגעשיקט ווערן נאך צוויי אדער דריי טויזנט דאלאר.

עס זעט אוים, אז דער קאמיטעט ווערט געשטערט אין זיין ארבעט פון א מאנגל אין זאמלער. אלע וואס קאנען העלפן, זיינען געבעטן צושטיין צו דער ארבעט.

טרויעריקער גרוס פון די אידן אין איראפע

ניו־יארק, יאנוו. 16 (איטא). — דר. ל. בראמסאן, פרעזידענט פון'ם "ארט", וועלכער איז אנגעקומען אהער, האט דערקלערט, אז די לאגע פון די אידן אין מזרח אייראפע ווערט אלץ ערגער. די אידן אין פוילן מאכן דורך א שרעקלאכע צייט, און טויזנטער אידן פארלירן דארטן זייערע פרנסות מיט יעדן טאג. ארום 800 טויזנט אידן אין פוילן זיינען אזוי אן מיטלען צו לעבן.

אין סאוועט רוסלאנד איז די אידישע לאגע געווארן ערגער, לויט די לעצטע באריכטן, האט דר. בראמסאן געזאגט. א דריטל פון אלע אידן דארטן זיינען דעקלאסירט און שרעקלאך פאראימט.

אין אנדערע קלענערע לענדער, און באזונדערס אין בעסאראביע, איז די לאגע פון די אידן זייער א טרויעריקע, האט ער געזאגט. גרויסע באנייטע אנשטרענגונגען זיינען נויטיק פאר דער פארשטארקונג פון דער ווידעראויפבוי ארבעט.

(::)

ארויסגעשיקט פון אוניווערסיטעט פאר מל זיין זיין זון

מאסקווע, יאנוו. 17 (איטא). — מישא פאגאסטין, א סטודענט פון מעדיצינישע קורסן אין מינסקער אוניווערסיטעט איז ארויסגעשיקט געווארן פון אוניווערסיטעט דערפאר וואס ער האט מל געווען זיין זון.

אמעריקאנער ארבעטער פעדעראציע פאר רעגיסטראציע פון אויסלענדער

סט. פיטערסבורג, פלארידא, יאנוו. 17 (איטא). — דער רעגיסטראציע פלאן פאר אלע פרעמדגעבארענע, ווי א מיטל קעגן ארבעטסלאזיקייט, איז גוטגעהייסן געווארן פון'ם עקזעקוטיוו ראט פון דער אמעריקאנער ארבעטער פעדעראציע וואס האלט דא אפ א זיצונג.

דער רעגיסטראציע פלאן איז שוין פון גאנץ לאנג פארגעשלאגן געווארן פון ארבעטס סעקרעטאר דייוויס.

וויליאם גרין, פרעזידענט פון דער אמעריקאנער ארבעטער פעדעראציע, שלאגט פאר אן ענדערונג אין'ם אימיגראציע געזעץ, וואס פאדערט די רעגיסטראציע פון אלע פרעמדגעבארענע וואס קומען אין לאנד אויף א געזעצלאכן אופן, און יעדער איינער פון זיי זאל קריגן א געהעריקן סערטיפיקאט, וועלכן ער זאל מוזן דערלאנגען ווען מען פארלאנגט עס פון אים. ווייזט ער ניט אזא סערטיפיקאט, דאן זאל ער קאנען דעפארטירט ווערן.

די ארבעטער פירער גיבן צו, אז דער דאזיקער פארשלאג וועט זיך באגעגענען מיט שארפע קריטיק מצד ראדיקאלן און אינטעליגענטן. ווען סעקרעטאר דייוויס האט געמאכט דעם פארשלאג מיט א געוויסער צייט צוריק, איז ער שארף אטאקירט געווארן פון די דאזיקע עלעמענטן.

אגב - אורחא

פון מארק

די אידישע פראבלעמען

מיר האבן דא נעכטן גערעדט וועגן דעם אידישן באוואוסטזיין, פון וועלכן קיין איד קאן ניט אויסבאהאלטן זיך, — און טאמער פרובירט איינער אנטלויפן פון אים, דערמאנט מען אים פון דרויסן.

און באלד ווי אזוי, צוליב וואס לויפן, און תמיד זיין אין א היסטערישן צושטאנד, אפלייקענענדיק די אידישקייט וואס שטארצט ארוים פון איינעמס פנים, אדער פארקערט, רוקן אומעטום די סעמיטישע נאז מיט געמאכטער שטאלץ?

לאמיר בעסער פרובירן צו טראגן אונזער אידישקייט אויף א נאטירלאכן אופן, — ווי דער ענגלענדער טראגט זיין ענגלישקייט און ווי דער פראנצויז טראגט זיין פראנצויזישקייט, — אנגענומען עס ווי א פאקט און פארגעסן אויף דעם!

* * *

אבער אונזער אומפארמיידלאכער אידישער באוואוסטזיין איז דער קוואל פון אלע אונזערע קאמפליצירטע פראבלעמען, וועלכע מיר קאנען ניט פארגעסן, ווייל זיי שטייען תמיד פאר אונזערע אויגן און ווייל זיי באווירקן אונזער גאנצן לעבן.

מיר האבן ספעציעלע אידישע עקאנאמישע און פאליטישע פראבלעמען, און די וואס צווייגן זיך ארוים פון זיי — עמיגראציע און אימיגראציע, אינדוסטריאליזאציע, קאלאניזאציע, לאבאריזאציע, טעריטאריעלע קאנצענטראציע און אן א צאל אנדערע "אציעס" מיט וועלכע מיר קומען אין צוזאמענשטויס יעדן טאג פון יאר און שיר ניט יעדע שעה פון טאג.

ווען ניט דער אומפארמיידלאכער אידישער באוואוסטזיין, וואלטן מיר אפשר איינס־און־צוויי געמאכט א סוף פון די אלע "אציעס" דורך איין "אציע", — אסימילאציע, — און זאלן זיך דאן די גוים ברעכן זייערע קעפ, זייער רעכט אויף זיי . . .

אבער איצט מוזן מיר אט די אלע פראבלעמען אליין אויסוויטיקן אויף אונזערע אייגענע פלייצעס.

* * *

קולטור, — אידישע קולטור ארייננגערעכנט, — איז ניט בלויז ליטעראטור, ווי אנדערע מיינען אדער זוכן צו מאכן דעם איינדרוק, אז אימעצער מיינט.

קולטור איז, אין דער אמת'ן דער סכום פון גייסטיקע שאפונגען, דער סך־הכל פון אלע היסטארישע דערפארונגען פון א פאלק.

זאל זיך זיין, אז אונז ארט ניט, אז די אידישע קולטור זאל מארגן אונטערגיין צוזאמען מיט'ן אידישן פאלק, — עס זיינען דא גענוג פעלקער (און אפשר דארף מען גאר קיין פעלקער ניט האבן) און גענוג קולטורן אויף דער וועלט.

אבער דערווייל זאגט מען נאך אונז "בעל כרחך אתה חי", — צי איר ווילט, צי איר ווילט ניט, מוזט איר טראגן די לאסט פון אייער אידישקייט.

— און דערמיט שוין אויך די שווערע לאסט פון אידישע פראבלעמען.

און אזוי ווערט די אידישע קולטור פאר אונז ניט נאר א באדינג פאר אונזער בכבוד'יקער עקזיסטענץ, נאר אויך אונזער וועגווייזער פאר דער לייזונג פון אונזערע פראבלעמען.

* * *

ריידנדיק מער קאנקרעט:

אט, למשל, אידישע געשיכטע.

די אידן האבן פאר דורות און דורות געהאט פראבלעמען, וואס זיינען אין א געוויסער מאס ענלאך צו היינטיקע.

מיר קאנען ניט נעמען פאר א ביישפיל די לייזונג וואס אונזערע זיידעס האבן צו זיי געפונען, — דאן זיינען געווען אנדערע צייטן און אנדערע וועגן.

אבער דאך קאנען מיר פיל לערנען און פראפיטירן פון זייער דערפארונג.

אידישע ליטעראטור און קונסט שפיגלען אפ אונז אליין. פון זיי לערנען מיר אונזער אייגענעם גייסטיקן צושטאנד, אונזערע שטרעבונגען און האפנונגען, — און דאס לערנט אונז צו געפינען דעם ריכטיקן וועג צו דער לייזונג פון אונזערע פראבלעמען.

* * *

און אזוי, אויב אידישע קולטור זאל אפילו ניט זיין קיין ענין פאר זיך אליין, איז זי אבער פאר אונז א נויטווענדיקייט פון'ם ריין פראקטישן שטאנדפונקט.

און דערפאר מוזן מיר האבן אידישע דערציאונגס אנשטאלטן, וואו די קינדער זאלן זיך באקענען מיט דעם גאנצן סכום פון אידישע דערפארונגען ביז היינטיקן טאג און זאלן ארייננעצויגן ווערן אין'ם לעבעדיקן אידישן לעבן, — און צו געוויינען צו טראגן אויף א נאטירלאכן און ווירדיקן אופן זייער אידישן באוואוסטזיין, און צוגרייטן זיי צו די אידישע פראבלעמען מיט וועלכע זיי וועלן מוזן קומען אין צוזאמענשטויס, אזוי שנעל ווי זיי וועלן אנהויבן לעבן זעלבסטשטענדיק.

* * *

טוען מיר דאס ניט, דאן וועלן אונזערע קינדער באגעגענען זיך מיט די פראבלעמען ניט צוגעגרייט, און זייער לאגע וועט דאן זיין א קריטישע.

לודוויג לואיסאן איז ניט בלויז א פערזאן, נאר א לעגיאן. ער פארטרעט א גאנצן דור וואס איז דערצויגן געווארן אין אפגעריסנקייט פון אידישן לעבן, און, ווען זיי האבן זיך אנגעשלאגן אן דער הארטער ווירקלאכקייט, האבן זיי אנגעהויבן לויפן צוריק און האבן געפונען פארשלאסענע טירן.

אידישע יוגנט, — ראטעוועט זיך פון דער טראגעדיע, אידער ס'איז צו שפעט!

* * *

ח'. י. שאפיראס ארטיקל וועגן דער אידישער קולטור געזעלשאפט, היינט, אין "דאס אידישע ווארט", אנטהאלט געוויסע אינסינואציעס קעגן דער געזעלשאפט, און פאדערט א געהעריקן ענטפער.

איך האף, אז ער וועט אים קריגן.